# מיט א טיפערן בליק

## פרשת שמות תשפ"ב

## קוק נישט סתם, מאַך אויף דיינע אויגן!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

מיר האלטן שוין אין פרשת שמות ווען ס'פאנגט זיך אָן איינע פון די שווערסטע קאפיטלעך וואס כלל ישראל איז אריבער "גלות מצרים", און ווי די תורה הקדושה דערציילט אונז די השתלשלות פון די אידן אין מצרים און די שווערע ארבעט, צרות און פיין וואס זיי האבן דארט מיטגעמאכט פון די מצריים, ביז עס קומט משה רבינו דער רבי און מושיען של ישראל און ער קוקט זיך אום אויף זיינע ברידער, ער זעהט זייער ווייטאג און לייַדן, און השי"ת ווועלט איהם אויס צו זיין דער געטרייע שליח, דער רועה נאמן וואס גייט קומען אויסלייזן כלל ישראל און זיי ארויסנעמען פון מצרים.

אין אונזער פרשה געפונען מיר פארשידענע געשטאלטן וואס האבן א שייכות מיט משה רבינו, אנגעהויבן מיט שִׁפְרָה און פּוּעָה די צוויי אידישע מְיַלְּדוֹת פון מצרים וועמען פרעה האט גערופן און באפוילן אז זיי זאלן הרג'ענען אלע אידישע יונגלעך וואס ווערן געבוירן, אבער זיי האלטן זיך שטארק מיט מסירות נפש, און זיי פאלגן נישט די באפעל פון פרעה, נאר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים, זיי האבן געלאזט די אידישע קינדער לעבן. דערנאך זענען מיר ממשיך צו בתיה בת פרעה וואס איז געווען די רעטער פון משה רבינו, זי האט איהם געפונען אין א קליינע קעסטל וואס שווימט אויפן וואסער, און זי שטרעקט אויס אירע הענט צו נעמען דעם קאַסטן, און זי איז זיך מרחם אויפן נייַ געבוירענעם קינד וואס ליגט דארט, און זי נעמט איהם צו זיך אין פאלאץ און זי האדעוועט איהם אויף מיט געטריישאפט. און דערנאך קומען מיר אָן צו משה רבינו וואס מיט זיין רחמנות און געטריישאפט העלפט ער די אידן. וואס פארשטייט זיך אז די תורה דערציילט אונז דאס אלעס, האבן די אלע מענטשן א געוויסע 'מְאַחֵד' א זאך וואס פאראייניגט און פארבינדט זיי צוזאמען, און א זאך וואס איז אונז מחייב און לערנט אונז א מוסר השכל לדורות, אשר על כן לאמיר זיך אביסל פארטיפן אין די אלע צדיקים און צדקניות און זעהן וואס מיר קענען זיך כאטש אביסל אפלערנען פון זייערע הייליגע און לעבטיגע וועגן.

כלל ישראל געפונט זיך דא ביים אנהייב פונעם שווערן גלות, און עס הייבט זיך אָן טאקע מיט **וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא**, יוסף הצדיק און יענע גאנצע דור זענען נפטר געווארן און נייע צייטן האבן זיך אנגעפאנגען. ווילאנג יעקב אבינו האט געלעבט האט געהערשט א אחדות און א ברודערשאפט ביי כלל ישראל, אידן זענען געווען איינס, יעקב אבינו האט צוזאמגעהאלטן די שבטי קָהּ און זייערע קינדער כאיש אחד בלב אחד, און ווי מיר האבן שוין געלערנט אין פרשת ויחי אז ביז צו זיין פטירה פלעגן די שבטים זיצן צוזאמען מיט יוסף, און זיי האבן געלעבט ווי איינס. אבער ווען יוסף הצדיק איז נפטר געווארן אינאיינעם מיט '**וְכָל אֶחָיו**' איז מרמז אויף די מידה פון 'אחוה' און ברודערשאפט וואס האט געהערשט צווישן זיי ביז דעמאלטס, דאס אלעס איז נסתלק געווארן צוזאמען מיט יוסף, די הייליגע בינטל איז צופאלן, 'יוסף' זעלבסט איז א לשון פון 'אסיפה' און צוזאמענהאלטן, אבער יעצט איז ליידער מקויים געווארן **וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא**, און ס'איז שוין מער נישט געווען די אמאליגע אסיפה און אחדות וואס האט געהערשט ביי כלל ישראל. אידישע קינדער האבן זיך פארמערט און זענען שטארק נתרבה געווארן, ווי די תורה הקדושה איז מֵעִיד וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וגו', אבער ווי עס איז מבואר אין **ספרים** איז 'וַיִּשְׁרְצוּ' א לשון פון שרצים ח"ו, עס איז טאקע געווען א ריבוי אין צאל, עס האט זיך פארמערט די 'כַּמּוּת' און די נומערן פון כלל ישראל אזוי ווי די שרצים, אבער אין 'אֵיכוּת' און אין פנימיות האט געפעלט די אמאליגע מדריגה און ברכה פון זיין כאיש אחד בלב אחד, צו לעבן איינער פארן אנדערן מיט אהבה און אחוה.

דאס איז געווען א טייל פונעם רוחניות'דיגן גלות וואס איז מיטגעקומען אינאיינעם מיט די קושי השעבוד און די שווערע ארבעט וואס מ'האט געארבעט אין מצרים, ווי רש"י לערנט אונז אין אנהייב פרשת ויחי "לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם", **דורך די שווערע ארבעט און די יאָך פון גלות האט פאסירט אז ס'איז געווארן "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל" די אויגן און די הערצער זענען געווארן פארשטאָפּט, די אויגן האבן אויפגעהערט צו זעהן וואס עס פעלט פאר יענעם, דאס הארץ האט אויפגעהערט צו שפירן רחמנות און געפיל צו א צווייטע איד,** דאס איז אלעס א חלק פונעם 'גלות הדעת' וואס האט געהערשט אין מצרים, ווען דער מענטש ווערט רח"ל אינגאנצן פארשטאָפּט און פארהארטעוועט ווי א שטיין וואס זעהט נישט און שפירט נישט וואס טוט זיך ארום זיך.

ווי **הרה"ק רבי יצחק'ל ווארקער זי"ע** האט געטייטשט דעם פסוק וואס שטייט אין פרשת בא ביי מכת חושך "וַיְהִי חֹשֶׁךְ אֲפֵלָה... לֹא רָאוּ אִישׁ אֶת אָחִיו" דאס איז די גרעסטע פינסטערנישט און טונקלקייט, אויב ח"ו "לֹא רָאוּ אִישׁ אֶת אָחִיו" אז איין איד זאָרגט זיך נישט פאר א צווייטען און ער זעהט נישט 'יענעם', נאר יעדער זעהט 'זיך' און ער האט נאר זיך אליינס אינזינען און זיינע אייגענע אינטערעסן, און טראכט נישט פון יענעם.

און אזוי איז באקאנט בשם **הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע** וועלכער איז געווען מפורסם מיט זיין זעלטענע אהבת ישראל און ליבשאפט צו יעדע איינציגסטע איד, און ער האט אמאל געזאגט אז ער האט זיך אויסגעלערנט אט די מידה פון צוויי גוים. ווייל ער האט אמאל אונטערגעהערט ווי צוויי שיכורים רעדן צווישן זיך, און איינער פרעגט דעם אנדערן, איוואן, דו האסט מיך באמת ליב?, "א שאלה? אוודאי האב איך דיר ליב, כ'האב נישט נאך אזא גוטע חבר ווי דיר" ענטפערט איוואן מיט א ברען. אבער זיין חבר לאזט נישט נאך און ער פרעגט, איוואן אויב דו האסט מיך טאקע ליב, אויב אזוי זאָגשע וואס פעלט מיר? וואס באַדערט

מיך?... איוואן ציט מיט די פלייצעס, "איך האב דיר טאקע זייער ליב, אבער פון וואנעט אין די וועלט זאל איך וויסן וואס עס פעלט דיר?". **אויב אזוי האסטו מיך נישט באמת ליב,** איז געקומען די באלדיגע ענטפער פון זיין שיכור'ע חבר. - דער צדיק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע וואס איז דעמאלטס געשטאנען ביי די זייט און זיך אונטערגעהערט זייער שמועס, האט געזאגט אז ער האט דאס גענומען אלס א געוואלדיגע מוסר השכל און א לימוד, אז ווען מ'האט יענעם 'באמת' ליב דעמאלטס ווייסט מען און מ'שפירט וואס עס פעלט איהם. **א גוטע פריינט האט 'אפענע אויגן' און באמערקט ווען זיין חבר האט א זויערע פנים, ער קען פילן אז יעצט איז יענער אין א קלעם, זיין מוט איז עפעס נישט אין אדענונג, און עס באזארגט איהם, עס טוט איהם וויי אז זיין חבר איז נישט אין א גוטע מצב, און ער זעהט מיט וואס ער קען איהם העלפן.**

דערהערן מיר דא א מורא'דיגע כלל וואס דארף אונז אלע מחייב זיין: אויב א מענטש האט א חבר, אבער ער ווייסט נישט ווען פאר יענעם גייט נישט גוט, ער שפירט נישט זיין צער און זיין ווייטאג, איז א סימן אז ער איז בכלל נישט קיין אמת'ע חבר, ער האט נישט ליב 'יענעם' באמת, ער איז פשוט א מענטש וואס האט 'זיך' ליב, נאר טעכניש איז איהם גאנץ געשמאק צו פארברענגן מיט פלוני דעריבער דרייט ער זיך מיט איהם און פארברענגט מיט איהם כסדר, אבער דאס איז נישט קיין אהבת חברים, עס איז מער אהבת עצמו... ווייל די אויגן פון א גוטע פריינט דארפן זיין געווענדן צום חבר, און מען דארף דערמיט קענען באמערקן זיין ליידן און זיין פיין, אויב זענען די אויגן אויסגעדרייט צו זיך אליינס, מ'זעהט נאר זיך און נאכאמאל זיך א גאנצן טאג, עס אינטערסירט מיר נאר מיין אייגענעם מצב און מיין אייגענעם לעבן, מייט אז עס איז בכלל נישט דא קיין אהבה.

אויב איז א מענטש ווי יענער איוואן וואס פילט אז ס'איז נישט דא קיין וועג אין די וועלט פון וואו ער זאל וויסן עס שפילט זיך אפ ביי זיין חבר אין הארץ, זאל ער וויסן אז ס'איז "נסתמו עיניהם ולבם", דאס איז א סימן אז זיינע אויגן און די הארץ זענען פארשטיינערט. ווייל ווי מיר האבן שוין געשמועסט באריכות אין די פריערדיגע פרשה אז יעדער מענטש גיבט ארויס זיין ווייטאג אויף פארשידענע אופנים, א מענטש דרוקט אויס זיין קלעם, אמאל שרייט ער אויף אנדערע, אמאל זעהט מען ווי יענער ווערט גערעגט און אין כעס אויף נארישקייטן, אמאל איז ער נערוועז און אנגעצויגן, אמאל איז עס נאר אויסגעקריצט אויף זיין פנים, און אמאל קען מען עס גאר הערן דורך זיין שווייגן... אבער דאס איז אלעס סימנים פון ווייטג און צער, דאס איז א רוף פאר הילף, א רוף פאר גאולה פון זיין שווערע גלות-פעקל וואס ער גייט יעצט אדורך. און אמת טאקע אז ווען ער שרייט חיצוניות'דיג זאגט ער נישט וואס עס באַדערט איהם, מיט זיין מויל זאגט ער איין זאך און אין הארצן דרוקט איהם גאנץ עפעס אנדערש, אבער וואס מער די אויגן און די הארץ פונעם חבר זענען אפן, דאן קען ער תיכף שמעקן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, אז עפעס דארף דא ווערן אדרעסירט. און איינער וואס פארמאגט אפענע אויגן קען שנעל דערטאַפּן פארוואס יענער שרייט, ער דערהערט דעם געשריי, ער הערט די רוף פון ווייטאג, און ער זוכט און געפונט שנעל וואס עס באהאלט זיך אונטער דעם קרעכץ, און ער עפנט תיכף זיין הארץ און זעהט מיט וואס ער קען העלפן, און אז נישט, אז מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט און מ'ווייסט נישט מיט וואס יענער דארף הילף, דארף מען וויסן אז מען איז ח"ו בלינד אין אהבת חברים, די אויגן זענען נישט אפן, און מ'איז אין א מצב פון נסתמו עיניהם ולבם.

ווי מיר האבן פריער דערמאנט פון ספרים אז דאס וואס שטייט ביי כלל ישראל אין מצרים 'וַיִּשְׁרְצוּ' איז א לשון פון שרצים ח"ו וואס פארמערן זיך בלויז אין צאל אבער אָן קיין געפיל און אָן קיין רחמנות און אחדות. אפשר קענען מיר צולייגן א רמז פון די ווערטער אין רש"י פרשת שמיני (י"א מ"א) אויפן פסוק וְכָל הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל הָאָרֶץ "ואין קרוי שרץ אלא דבר נמוך קצר רגלים **שאין נראה** אלא כרוחש ונד" א שרץ איז טייטש א קליינע נדריגע זאך וואס האט קורצע פיסלעך און מ'באמערקט איהם קוים, מ'זעהט נאר בלויז ווי עס שאקלט זיך עפעס און רוקט זיך אויף די ערד, דאס איז די מהות פון 'וַיִּשְׁרְצוּ' ווען ס'איז א מצב פון **שאין נראה** אז מ'קען נישט קלאר אָנזעהן איינעם דעם אנדערן, מ'באמערקט נישט און מ'זעהט נישט! דאס איז א מצב פון וַיִּשְׁרְצוּ, דאס איז א בחינה פון שרצים, און אינגאנצן נישט די דערהויבענע גאולה'דיגע מצב אין וועלכע כלל ישראל דארף זיך באמת געפונען, די ריכטיגע מצב פון כלל ישראל דארף זיין דאס פארקערטע, ס'דארף זיין "נפקחו עיניהם ולבם - די אויגן און די הארץ דארפן זיין אָפן און וואַך איינעם צום אנדערן".

און דאס געפונען מיר ביי די אויסלייזער און העלפער פון כלל ישראל אין אונזער פרשה. צוערשט לאמיר זיך מתבונן זיין אין **שִׁפְרָה און פּוּעָה** וואס האבן זיך מוסר נפש געווען און נישט אויסגעפאלגט די באפעל פון פרעה. שִׁפְרָה און פּוּעָה וואס זענען געווען יוכבד און מרים, די מאמע און שוועסטער פון משה רבינו, נישט נאר זיי זענען זיך מוסר נפש כפשוטו, זיי שטעלן איין זייער לעבן מיט'ן נישט פאלגן דעם קעניג'ס געזעץ און לאזן די קינדערביים לעבן, אבער דאס איז נאכנישט געווען גענוג, נאר זיי זענען געגאנגען ארויס פון זייער וועג, צו טוהן וואס נאר מעגליך בעסער און באקוועמער צו מאכן דאס לעבן פון די אידישע קינדער. ווי רש"י ערקלערט "שפרה זו יוכבד, על שם שמשפרת את הולד" שפרה האט געהייסן מיט דעם נאמען ווייל עס איז א לשון פון 'שיינקייט' זי פלעגט שיין מאכן די קליינע קינדערלעך, זי האט געמאכט זיכער אז אלעס איז אין ארדענונג און זיי זעען אויס שיין און באַטעמ'ט. און "פועה זו מרים על שם שפועה ומדברת והוגה לולד כדרך הנשים המפייסות תינוק הבוכה", פועה איז א לשון פון קוויטשען און רעדן, מרים האט נישט בלויז געהאלפן געבוירן דאס קינד און אנטלאפן פון די סצענע אז דער מלך מצרים זאל איר נישט כאפן, ניין, זי בלייבט דארט, זי שמייכלט און רעדט צו דאס קינד, זי איז מפייס און בארואיגט א וויינענדיג אידיש קינד, ווייל זי קען נישט צוקוקן צו זיין צער און אומבאקוועמליכקייט.

און נישט נאר דאס, נאר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים, ווי רש"י ברענגט פון חז"ל **"מספקות להם מים ומזון"** זיי ברענגען עסן און טרינקן פאר די ניי געבוירענע קינדער, זיי זארגן זיך מיט'ן גאנצן הארץ פאר זייער וואוילזיין,

און װעלן נישט פארלאזן די קינדער װילאנג זײ מאכן נישט זיכער אז עס פעלט זײ גארנישט, מיט מסירות נפש לױפן זײ צו שפײזן און העלפן די קינדער װעמען זײ האבן געראטעװעט פון טױט.

אט דאס זענען די ערשטע קערנדלעך פון גאולה װאס הײבן אָן צו שפראצן נאך אזא לאנגע און שװערע גלות, דא געפונען מיר ענדליך דאס פארקערטע פון "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל", אדרבה, די הײליגע מְיַלְּדוֹת מאכן זיך אױפן די אױגן ברײט, זײ קוקן און באמערקן, און בלײבן נישט שטײן בײ דעם, נאר זײ מאכן אױך אױף די הערצער און הײבן אָן צו טוהן למעשה, זײ זענען פארנומען מיט'ן טוהן װאס מ'קען נאר צו העלפן און גרינגער מאכן די פײן פון כלל ישראל. און טאקע פון אזא שטוב װערט געבױרן דער מושיען של ישראל, און זײ זענען זוכה צו געװאלדיג גרױסע שכר װי עס שטײט אין פסוק.

פון דא זענען מיר ממשיך און מיר גײען אריבער צו **בתיה בת פרעה**, לאמיר זיך געבן א שטעל אָפּ און ארײן טראכטן אביסל װיאזױ עס האט אױסגעקוקט דעם מצב דארט בײ די בת פרעה, (מיר שמועסן עס אױס לױט אונזער השגה, לשבר את האוזן). דרײט זיך א קלײן מײדל אין די ערגסטע און גרעסטע מקום טומאה, בײ פרעה אין פאלאץ, און נישט סתם װאס זי דרײט זיך דארט, נאר זי איז גאר דער קעניג פרעה'ס טאכטער, זי פארמאגט כבוד און עהרע אָן א שיעור, יעדער איז איר געטרײ װײל זי איז דאך די פרינצעסן, בקיצור עס פעלט איר גארנישט. אבער בתיה האט באשלאסן ארױסצוגײן פון איר באקװעמליכקײט, זי האלט אינמיטן תשובה טוהן און זיך מגייר זײן, װי חז"ל זאגן אונז (סוטה י"ב:) ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור, ואמר רבי יוחנן שירדה לרחוץ מגילולי בית אביה, און זי איז מחליט נישט מער נישט װײניגער, צו ראטעװען א אידיש קינד אינעם קעסטעלע, זי איז גרײט אױף מסירות נפש, זי איז גרײט צו גײן קעגן איר שלעכטע און שטאלצע טאטע'ס װילן.

אגב, עס איז גארנישט אנגעקומען אזױ גרינג פאר בתיה צו ראטעװען משה רבינו, װי די גמרא דערצײלט אז אירע דינסטן האבן איר געװאלט שטערן פון ראטעװען משה, װען זײ האבן געזעהן װי בתיה װיל נעמען דעם קעסטל אין װעלכע ס'ליגט א אידיש קינד, האבן זײ איר געזאגט, דער סדר פון די װעלט איז אז װען א קעניג מאכט א געװיסע געזעץ, אפילו אױב די מענטשן פון זײן לאנד װילן איהם נישט פאלגן, אבער זײנע אײגענע קינדער און משפחה זײ װעלן דאָך אודאי אױספירן דעם קעניג'ס װילן, אױב אזױ פּאַסט נישט דער זאך פאר דיר אז דו זאלסט זיך קעגנשטעלן דײן אײגענעם טאטע'נס װילן און גײן ראטעװען א אידיש קינד פונעם װאסער. דעמאלטס איז געקומען דער מלאך גבריאל און ער האט זײ אראפגעקלאפט צו די ערד און גע'הַרג'עט אז זײ זאלן נישט קענען אפהאלטן בתיה פון ראטעװען משה.

פון װאו האט דאס אלעס געשטאמט, פון װאו האט זי גענומען די געװאלדיגע כחות דאס צו טוהן. די תשובה איז גאנץ קלאר אין פסוק, **וַתִּפְתַּח "וַתִּרְאֵהוּ" אֶת הַיֶּלֶד וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה "וַתַּחְמֹל עָלָיו", בתיה זעהט, זי האט אפענע אױגן, זי עפנט דאס הארץ, זי ערװעקט אין זיך די מידת הרחמנות**, און פון דארט און װײטער װערט זי װי די מאמע פון משה רבינו, און װי חז"ל זאגן אין מדרש (ויק"ר א' ג') אז דער אײבישטער אלײן האט איר גערופן 'בתיה' װאס איז מרמז אױף 'בַּת יָ-הּ', פונקט װי זי האט אױפגעהאדעװעט און גערופן משה רבינו װי אַן אײגן קינד כאטש זי איז נישט געװען זײן מאמע, זאגט כביכול השי"ת אז אױך זי װעט װערן אנגערופן א בת י-ה, װי א טאכטער פונעם אײבישטער. און אין מסכת דרך ארץ זוטא (סוף פרק א') װערט בתיה אױסגערעכנט צװישן די װאס האבן זוכה געװען ארײנצוגײן לעבעדיגערהײט אין גן עדן... אט זי איז טאקע פאסיג אױפצוהאדעװען דער מושיען של ישראל, װײל זי זעהט און זי הערט די פײן פון א אידיש קינד, און זי טוט למעשה איהם צו העלפן און ראטעװען.

און דערמיט קומען מיר צו צום שפיץ, צו אונזער הײליגע רבי **משה רבינו** אלײנס, װי די תורה דערצײלט אונז, וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם, די ערשטע 'פּאָרשטעלונג' װאו די תורה שטעלט אונז פּאָר די מציאות און מהות פון משה רבינו, שטײט וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם, ער גײט ארױס און קוקט זיך אום אױף די פײן און צער פון זײנע פאַרפלאָגטע ברידער. און װי זאגט נאר רש"י בשם דער מדרש אױף די װערטער וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם? **נתן "עיניו ולבו" להיות מיצר עליהם,** משה רבינו האט געעפנט זײנע אױגן צו זעהן, און זײן הארץ צו שפירן װאס די אידישע קינדער מאכן מיט אין מצרים. אט דאס איז די מציאות פון דער אױסלײזער פון כלל ישראל, דאס איז די התחלה פון די גאולה, װען ס'איז **"נתן עיניו ולבו"** להיות מיצר עליהם, װען די אױגן און די הארץ עפענען זיך ברײט, װען עס געשטעט דאס פארקערטע פון "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל".

הערט נאר א הײליגע לשון פון **ספה"ק תפארת שלמה** (פרשת ויחי) **"ויגדל משה ויצא אל אחיו, פי' שזה היה גדולתו מה שהיה מצטער בצרת ישראל, וכולם היו כאחיו ממש, על ידי זה בא לו הגדולה להיות מנהיג הדור ומשפיע"**. אט דאס האט געמאכט משה רבינו צו זײן דער מנהיג הדור און דער משפיע, טאקע דאס אז וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם, ער גײט ארױס, ער קוקט זיך אום און ער האט צער אינאײנעם מיט אנדערע אידן, און נישט נאר ער טוט מטפילן מיט זײ, נאר ס'איז "וַיֵּצֵא אֶל **אֶחָיו**" ער שפירט זיך װי א ברודער מיט יעדע אײנציגסטע איד, די צער פון א צװײטן באריר אין די טיפענישן פון זײן הארץ, אט דאס איז דער מנהיג ישראל און זײער אױסלײזער.

און משה רבינו בלײבט נישט נאר בײם װעלן, ער טוט למעשה, וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי מַכֶּה אִישׁ עִבְרִי **מֵאֶחָיו**, װען ער זעהט װי א מצרי האט געשלאגן און װײ געטהון 'זײן אײגענע ברודער', װײל יעדער איז דאָך זײן ברודער, איז ער זיך באלד נוקם, וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל, ער הרג'עט דער מצרי און לײגט איהם אװעק אױפן פלאץ, אלעס כדי גרינגער צו מאכן פאר נאך א אידיש קינד.

און אײנמאל משה רבינו איז געקומען און אנגעהױבן מיט די גאולה פון זײן זײט, ער האט ערװעקט די מידה פון אהבה און רחמנות צו כלל ישראל און זיך געזארגט פאר זײ, שטײט שפעטער אין פסוק "**וַיַּרְא** אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי

יִשְׂרָאֵל **וַיֵּדַע** אֱלֹקִים" טייטשט רש"י **נתן עליהם לב ולא העלים עיניו,** כביכול דער אייבישטער טוט די זעלבע מידה כנגד מידה, ער עפנט זיינע 'אויגן' צו זיין די פיין און פלאָג פון כלל ישראל, און נתן עליהם לב, השי"ת לייגט צו זיין 'הארץ' כביכול, אז פון יעצט און ווייטער גייט שוין קומען די ישועה. משה רבינו מיט זיינע לעכטיגע אפענע אויגן און הארץ פאר כלל ישראל האט איינגעפלאנצט די אתערותא דלתתא, ער האט אנגעהויבן מיט די פעולה אויף די וועלט, און דאס האט געברענגט א אתערותא דלעילא אז פון הימל האט מען אויך רחמנות געהאט אויף די אידישע קינדער, און עס גייט קומען זייער גאולה.

היוצא לנו, די אלע צדיקים אין אונזער פרשה זענען געווען מענטשן וואס האבן געעפנט זייערע אויגן און הארץ פאר כלל ישראל, ולא זו בלבד, נאר טראצדעם וואס אלע האבן געקענט ווייטער אנגיין מיט זייער לעבן אומגעשטערט, עס איז בכלל נישט געווען זייער פליכט און אויפגאבע, דאָך זענען זיי אלע ארויסגעגאנגען פון זייערע באקוועמליכקייטן, זיי זענען געגאנגען מיט מסירות נפש ממש דערהערן און צוקוקן די צער פון א צווייטן און ארויסהעלפן מיט וואס זיי קענען. ווי געזאגט, האבן שִׁפְרָה און פּוּעָה געקענט יוצא זיין מיט'ן ראטעווען די קינדער ביים געבוירן, און מיט דעם שוין האבן געטון מער ווי גענוג, אבער ניין, זייערע אויגן און הערצער זענען צו שטארק אפן זיך צו קענען פארהוילן פון די געברויכן פון די קליינע שעפעלעך, און זיי בלייבן דארט ווייטער מיט מסירות נפש צו טוהן נאך און נאך. די זעלבע איז מיט בתיה וואס האט געלעבט א גליקליכע און פרייליכע לעבן ביי איר טאטע אין פאלאץ, אבער זי גייט ארויס און שטרענגט זיך אָן צו ראטעווען א אידיש קינד מיט מסירות נפש. און צום לעצט משה רבינו וואס וואקסט אויף ווי א פרינץ ביי פרעה אינדערהיים, אבער עס איז איהם נישט גוט אזוי, נאר וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם, ער גייט ארויס אינדרויסן, עס ברענט אין איהם צו זעהן און העלפן מיט וואס נאר מעגליך, און דאס איז די גרעסטע התחלה פון גאולה פאר כלל ישראל.

און צום שלוס, אויב מיינען מיר אז דאס איז אזא גרויסע און ווייטע מדריגה וואס איז געאייגענט נאר פאר די גרויסע צדיקים, הערט א מעשה וואס איז זיך פארלאפן יעצט, נישט לאנג צוריק, א ערשט האנטיגע מעשה וואס מיר האבן פרעזענדליך מיטגעהאלטן:

איין טאג האט זיך געמאכט אין בית המדרש נאכן דאווענען א שמועס, א יונגערמאן, לאמיר איהם רופן יענקל, דערציילט איבער א ריזיגע קאנטעינער מיט סחורה וואס האט געדארפט אנקומען אויפן ים פון די מרחקים, מיט'ן פלאן אז די פראדוקטען וועלן פארקויפט ווערן אין די אידישע געשעפטן אין זייער ספעציעלע סעזאן לכבוד יום טוב, אבער יעצט מיט די גאנצע מהומה און איבערקערעניש וואס טוט זיך ביי די פּאָרטן צוליב א מאנגל אין ארבעטער וואס קומען נישט ארבעטן אין די קאראנע עפאכע, וועט ווארשיינליך די גאנצע סחורה בלייבן שטעקן און האט נישט קיין שאנס אנצוקומען באצייטענס, און וועט נישט קענען פארקויפט ווערן. אויפן פלאץ האט זיך באלד אנטוויקלט א העפטיגע שמועס בנוגע די פראבלעמען וואס פלאגן די וועלט א דאנק די פארשפרייטונג פון קאוויד, פארשטייט זיך אז דאס האט אויך געפירט צו היציגע דעבאטעס אויב די רעגירונג איז שולדיג אין פארנאכטלעסיגן די ארבעט מארקעט, עס זענען געפארן הויכע טענער איבער די גלעזלעך לחיים פון די תיקון אויב דער פרעזידענט טויג אדער נישט, און אויב די קריזיס איז באהאנדלט געווארן ריכטיג אדער נישט, מ'רעדט און מ'שמועסט און מ'חַזרט איבער צום הונדערטסטן מאל די אלטע אויסגעדראשענע נושאים, ביז דער עולם איז זיך צוגעגאנגען, יעדער זיין וועג.

איין יונגערמאן, משה, קומט אבער אריבער שטילערהייט צו יענקל בשעת'ן פארלאזן דעם בית המדרש, זאג נאר יענקל עס האנדלט זיך דא וועגן דיין אייגענע קאנטעינער פון סחורה?, ניין, ענטפערט איהם יענקל, איך האב עס געהערט פון מיין חבר יאסל, ס'איז זיין קאנטעינער.

נאך א קורצע צייט באקומט יאסל א טעלעפאן רוף, א גוטן, דא רעדט משה, דיין חבר יענקל'ס חבר, איך האב געהערט פון איהם וואס האט פאסירט צו דיין סחורה, איך האב דיר געוואלט אנבאטן אז אויב דו זוכסט א פלאץ אוועקצולייגן די סחורה ביז צום קומענדיגע יאר, איך האב ליידיגע פלאץ אין מיין 'ווערהאוז' וואס דו קענסט גערן נוצן, און דארפסט זיך בכלל נישט ברעכן קאפ וועגן סטארעדזש פאר דיין סחורה. און אויך אגב, דו האסט גענוג אויף צו מאכן יום טוב אין שטוב, היות דיין ביזנעס האט יעצט געליטן אזא שטארקע קלאפ?, איך קען פראבירן צו העלפן מיט א הלוואה וכדומה, אדער סיי וואס דו ווילסט...

יאסל דערציילט אז ער איז געווען ערשטוינט, עס האט איהם גענומען א לאנגע צייט צו קומען צו זיך פון התרגשות, איר הערט? א איד האט געהערט 'נייעס' אין בית המדרש, אין די צייט וואס יעדער האט נאר דעהערט אין דעם די פראבלעמען פון אמעריקע און כינע, **איז אבער געווען א איד וואס האט געהאט אפענע אויגן, אויערן, און דער עיקר א הארץ, ער האט גענומען אויף זיך די מיסיע פון גיין מברר זיין אויף 'למעשה' וויאזוי קען מען העלפן דעם איד וואס איז געבליבן שטעקן מיט די סחורה.**

טייערע ברידער און שוועסטער! מ'מוז נישט זיין אזוי גרויס ווי משה רבינו, יעדער פון אונז קען און דארף זיין א קליינער 'גואל ומושיע' פאר אונזערע ארומיגע און באקאנטע, יעדער פון אונז קען זיך עפענען די אויגן און הארץ און פשוט זעהן און פילן, זיך וויסענדיג מאכן ווען פאר יענעם דרוקט עפעס אויפן הארץ, מיט אביסעלע מחשבה קענען מיר אלע זיין "**נתן עיניו ולבו**" להיות מיצר עליהם, און אין דעם זכות וועט זיכער מקויים ווערן דעם "**וַיֵּדַע אֱלֹקִים - נתן עליהם לב ולא העלים עיניו**" אז השי"ת וועט זיך פירן מיט אונז מידה כנגד מידה און אונז העלפן מיט א גאנצע ישועה בקרוב.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com